


קונטרס

# מכתבי התעוררות בענין השחיטה

חלק א' - שנת תשל"ג - תשל"ט לפ"ק, עם הוספות חדשות,
כל מה שכתוב כאן נוגע לכל הבתי שחיטה בכל העולם כולו
[ראה באריכות בחלק ב']






**אור הזוהר 482 ★ כסליו תשע"ד** חלק יא

**מפעל הזוהר העולמי**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש







## מכתב לא

קול קורא מהתאחדות הרבנים על מה שכתבו בעצמם איסור על שחיטת חוץ, כיון שיש קושיים גדולים בהשגחת שחיטת חוץ לעיר מחמת כמה טעמים וכו', ואחרי שבע שנים כבר נתנו השגחות על שחוטי חוץ, שחיטות גדולות מאוד ששוחט אחד שחט 5,000 עופות ליום וכו' - כמבואר במכתבים הקודמים, וירא הקהל וישפוט!!!

**קול קורא להסיר מכשול**

כבר הודענו כמה פעמים, שבה"טשיקען מאַרקעטס" אם אין בעל המאַרקעט איש מהימן אז אפילו אם עומדים שם שוחטים יראי שמים יכולים לבוא לידי מכשולות גדולות של נבילות וטריפות ממש, זולת אם עומד שם משגיח תמידי, שאין עליו באותה שעה שום תפקיד אחר רק להשגיח שהעופות שנשחטו בכשרות תהיינה תחת פיקוחו בלי העלמת עין אפילו שעה קלה עד אחר החתימה. מפני האחריות הגדולה שיש בזה העמדנו משגיחים בכמה טשיקען מאַרקעטס שתיכף אחר השחיטה קודם שנתעלם העוף מעיניהם יחתמו את העופות שנשחטו תחת השגחתינו בחותמות (פלאָמבעס) שלנו.

והיות ששמענו שישנם אנשים המקילים בזה, באנו להזהיר עוד הפעם **באזהרה חמורה שכל מי שרוצה להיות בטוח שאינו אוכל נבילות וטריפות לא יקח לביתו עופות שאינם חתומים בחותמות שלנו. ולא יקנה רק בחנויות** (בוטשער סטאָרס) **שאינם מכניסים לחנותם רק העופות החתומים בחותמות** (פלאָמבעס) **שלנו בלי יוצא מן הכלל.** מזמן לזמן נפרסם אי"ה את שמות הבוטשער סטאָרס שאין מוכרים רק עופות בחותמות שלנו.

**וזאת לדעת כמו שכבר הודענו, שבכל זאת ההשגחה שלנו היא רק על השחיטה, ולא על כשרות הבוטשער סטאָר כבעניני מליחה והדחה וכו' כי אודות זה מוכרח הקונה בעצמו לחקור היטב על מי הוא סומך עצמו.**

גם זאת לדעת, שכיון שישנם קשויים גדולים בהשגחת שחיטת חוץ לעיר מחמת כמה טעמים, לכן השגחתינו מוגבלת רק לעיר ניו יאָרק, **ומי שקונה משחיטת חוץ לעיר ישגיח בעצמו בשבע עינים ממי לוקח ועל מי הוא סומך.**

ע"ז באעה"ח ג' לסדר ויקרא ר"ח ניסן ה' תשכ"ג לפ"ג, פה ברוקלין יצ"ו.

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא**

**יואל טייטלבוים**
(כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א - נשיא)

**לוי יצחק גרינוואַלד**
(הרב דקהל ערוגת הבשם - סגן נשיא)

ואלה שמות הרבנים הגאונים שליט"א ועד הפועל והמרכזי (עפ"י סדר הא"ב) אשר באו על החתום על הדברים הנ"ל:

**אלעזר שפירא אלטר יעקב יצחק וואַגשאַל**
(הרב מקיוויאשד) (הרב מלאַנצהוש)

**אלכסנדר אשר באב"ד גבריאל יודא איליאַוויטש**
(הרב מטארטיקאוו) (הרב משאַמשאָן)

**הלל ליכטענשטיין חנני' דוב קאָהן**
(הרב מקראסנא) (ראב"ד מבודאַפעסט)

**יוסף יונה צבי הלוי הורוויץ יוסף גרינוואַלד**
(הרב מאונסדאָרף) (הרב מפאַפא)

**ישכר בער הלוי ראָטענבערג יוסף משה מייזעלס**
(הרב מוואוידיסלאַוו) (הרב מאווואַהר)

**יקותיאל יודא האלבערשטאם ישראל אברהם שטיין**
(הרב מבאַרדיוב) (הרב מפאַלטישאַן)

**יצחק אייזיק אייכענשטיין יהושע כ"ץ**
(רב דק' עטרת צבי פאַרעסט הילס) (הרב מסאַמבאטהעלי)

**יעקב סג"ל לעבאָוויטש יוסף אלי' הכהן שטיינער**
(הרב מקאַפיש) (דומ"ץ דקהל עדת יראים)





**משה טייטלבוים מרדכי האַגער**
(הרב מסיגעט) (הרב דקהל תורת חיים וויזניץ)
**הרב משה ביק משה שטערן**
(ר"מ ניישרא) (הרב מדעברעצין)
**משה אריי' לעוו מנחם זאב שיק**
(הרב מטעמעשוואַר) (הרב מטאָקאי)
**נפתלי הירצקא העניג עזריאל יודא לעבאָוויטש**
(הרב משאַרמאַש) (הרב דקהל עדת יראים)
**צבי הורוויץ רפאל בלום**
(הרב מקראָלי) (הרב מקאַשוי)
**שמעון ישראל פאָזען שמואל אברהם זעלטענרייך**
(הרב משאָפּראָן) (הרב משטאַקאווא)
**שמחה בונם גרינבערגער שלמה זלמן פרידמאַן**
(הרב מפרעשבורג) (הרב מטענקע)

◇◇◇

## מכתב לב

מיר דרוקן דעם בריוו נישט מיט די כוונה אַז דער פּלאַץ איז יאָ (אָדער נישט) גוט, ווייל מיר נעמען נישט קיין שום אחריות אויף דעם. דער צוועק איז אַרויסצוברענגען די פאַרשידענע הידורים וואָס איז מעגליך און וויכטיג צו האָבען ביי די היימישע פלעצער, און ליידער האַלט מען דערפון זייער ווייט.

לה"ו

### להתוודע ולהגלות

*נתפרסם בשנת תשל"ו*

לכל ידידינו ואנשי שלומינו דעיר רבתי ניו יאָרק שיחי'!

מיט גרויס פרייד לאָזען מיר וויסען דעם גאַנצען ציבור חרדי אין שטאָט ניו יאָרק, אַז עס איז אונז ב"ה געלונגען אויפצושטעלן אַן אייגענע שחיטה פון עופות, דאָ אין ניו יאָרק, אונטער דער שטרענגער השגחה פון **הרה"ג מוהר"ר משה שטערן** אב"ד דעברעצין שליט"א...

די תקנות און הידורים פון אונזער שחיטה זענען ווי פאָלגענד:

א) ביי יעדער שחיטה וועט זיין אַ ספּעציעלער משגיח אויפ'ן פּלאַץ און וועט בודק זיין דעם חלף נאָך יעדע 8-10 עופות (ווי עס שטייט מפורש אין שמ"ח סי' י"ח סעיף כ', און אין דרכי תשובה סי' א' ס"ק רט"ו וז"ל: תקנה זו קדומה והובאה במהרי"ק ונתחדשה בימי הב"י, וכן בדורות האחרונים, וכן בספר מעשה רב שהגר"א מווילנא ז"ל אמר שמוטב לאכול מאכלי חָלָב בשבת מלאכול משחיטה שלא היה אחד עומד על גביו של שוחט וכן המנהג וכו' עכ"ל).

ב) מיר גיבען אַכטונג מען זאָל נישט וואַרפן די קעסטלעך מיט עופות וועגען חשש ריסוק איברים.

ג) די שחיטה איז אַ שחיטה מתונה מיט ישוב הדעת, 150 עופות לשעה.

ד) דאָס ווייקן און אויסזאַלצן וועט געטאָן מיט אַלע הידורים.

ה) ביים עפּענען די עופות איז דאָ א משגיח אַ בר סמכא וואָס פאַרשטייט אין עניני הוראה, ווייל עס איז זייער שכיח שאלות אויף בני מעים, צומות הגידין, שבירת העצמות וכו'.

ו) די שאלות'דיגע עופות ווערען ביי אונז נישט גענוצט.

ז) די עופות ווערען אינגאַנצן גענעפּענט צום זאַלצן, און די האַלדז אָדערן ווערען אַרויסגענומען, און די דם בעין פונ'ם גאָרגל ווערט אויך אַראָפּגענומען.

ח) מיר האָבען שוחטים משגיחים, תלמידי חכמים און יראי שמים מרבים, מומחים מפורסמים באומנותם, הנהגת ביתם וחינוך בניהם היא על טהרת הקודש.

ט) די שוב"ים משגיחים ווערען געצאָלט נאָר דורך דעם רב המכשיר.

י) אונזער השגחה און אחריות איז נאָר אויף די בלאָמבעס מיט דעם זיגל, בהשגחת אב"ד דעברעצין שליט"א.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדען אויף דעם טעלעפאָן צו:

משה פרידמאַן - 384-0587

די טשיקן וועט זיין בקרוב צו באַקומען אין גרעיטער ניו יאָרק און יעדער וועט קענען באַקומען אין זיין בוטשער סטאָר.

מיר וועלען אַדווערטייזן די בוטשער סטאָרס וואָס נעמען ביי אונז טשיקען. אויך די רעסטאָראַנען וועלען זיין אַדווערטייזד.

מיר בעטן יעדען איינעם וואָס וויל באַקומען אונזערע טשיקנס און קויפן אין פרעמדע בוטשער סטאָרס זאָלן אונז לאָזן וויסן, ווייל מיר וועלן פירן אַ פונקטליכן חשבון, נישט אז די בוטשערס זאָלען פאַרפירען דעם עולם.

דער וועד השחיטה ווערט אָנגעפירט פון יראים ושלמים שלא על מנת לקבל פרס, וואָס וועלען קאָנטראָלירען דאָס כשרות, אַז אַלץ זאָל זיין בהכשר עפ"י דת תוה"ק, און אין דעם זכות וועט ביי אונז מקויים ווערן דער פסוק "והתקדשתם והייתם קדושים", און מיר וועלן בזכות זה זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה.

**וועד השחיטה דעיר החרדית ד'באָראָ פּאַרק**

◇◇◇

## מכתב לג

*וויכטיגע מודעה פון היימישע קאָנסומער יוניאָן ברוקלין נ.י.*

### די געבלאָפּטע כפּרות

מיר ווילן אויפמערקזאַם מאַכן דעם ברייטן ציבור, נאָך די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס עס ווערט געמאַכט צו גיין שלאָגן כפּרות, און די נשים צדקניות שלעפּן זיך מיט קליינע קינדער צום



בוטשער סטאָר צו שלאָגן כפרות, און אויך נאָכדעם וואָס פאַר די כפרות ווערט גענומען אַ טייערע פּרייז, גיבן די בוטשער לייט פון די גאָר היימישע און חסיד'ישע בוטשערס, די זעלבע כפרות פאַר פילע מענטשן, און אַלע שלאָגן אויף די זעלבע עופות וואָס אַנדערע האָבן שוין געשלאָגן. ("אויסגעקלאַפּטע הושענות").

דעריבער טועהן מיר מוחה זיין אויף די אומדערהערטע שרעקליכע עוולה פון גונב זיין דעם דעת הקהל, און באַשווינדלען דעם ברייטן עולם, און דאָס אינמיטן פון די הייליגע ימי תשובה.

מיר ווענדן זיך צו דעם ברייטן קהל, אויב איר ווילט האָבן אַן אמת'ע כפרה מאַכט זיכער - אויך אַ גאַנץ יאָר - אַז די שחיטה פון דעם בוטשער ביי וועמען איר קויפט, אַז איר באַקומט דאָס פאַר וואָס איר באַצאָלט, און איר ווערט נישט באַשווינדלט.

אויסער די שאלה אין ערב יום כיפור ביי די גרויסע קהילות ווי דאָס געדרענגע איז גרויס, און די אחרונים זענען מרעיש אויף די מכשולות ביים שחט'ן כפרות, עס איז שוין אַמאָל בעסער צו שלאָגן כפרות מיט פיש וכו' אָדער געלט, ווי דער חיי אדם שרייבט[ו].

◇◇◇

## מכתב לד

בס"ד

### התעוררות צו די הייליגע טעג

דער בריוו איז אויסדריקלעך געווידמעט פאַר די וועלכע זענען אינטערעסירט צו וויסן דעם אמת, אָפּגעזען די אומבאַקוועמליכקייט דערפון.

אין שולחן ערוך און אויך אין די הייליגע ספרים שטייט אַז אין די הייליגע טעג זאָל מען מער אַכטונג געבן און געוואָרנט זיין פון עסנוואַרג וועלכע זענען נישט הונדערט פּראָצענט כשר בתכלית ההידור והכשרות, און דאָס וועט העלפן איבערוועגן דעם כף הזכיות, אַז צום נייעם יאָר זאָל מען זוכה זיין צו פּרנסה, געזונט, קינדער, און טאַקע מיט אַ סאַך אידיש נחת פון זיי. (עיין שולחן ערוך תר"ג ומגן אברהם שם, שער הציון תר"ט א', יוסף אומץ אות תתקפ"ב, קצה"מ תר"ג סק"א, כה"ח תר"ח אות ל"א, יפל"ל ח"ה ה', קש"ע ק"ל סעי' ב', מחז"ב לחיד"א תרי"ג, ליקוטי מהרי"ח, וש"א).

מיר ווייסן אַלע אַז עסנוואַרג וואָס איז נישט הונדערט פּראָצענט כשר, אויב מ'עסט זיי אַפילו אָן צו וויסן אַז עס טויג נישט, פאַרשטאָפּט עס דאָס אידישע האַרץ, עס פאַרטעמפּט די הייליגע געפילן און עס וואַקסן אויף יונגע קינדער מיט אַ קאָלטקייט צום דאַווענען, לערנען, און צו יעדע מצוה. זיי ווערן אכזריים אין מענטשליכקייט, עס דרייט איבער זייער מענטאַליטעט צו צעווילדעוועטע חיות, אָן בושה, אָן יראת שמים. (רמ"א יור"ד פ"א, פר"ח ברכ"י ודר"ת שם, אוה"ח סו"פ שמיני, ערוה"ב או"ח קל"ח, רמ"ע בספר כנפי יונה ח"ב סימן קי"א, שו"ת ויצבור יוסף סימן י"ג אות ג').

מיר ווילן בעיקר דערמאנען די ערליכע אידן וועלכע זענען מהדר יום טוב צו עסן **בהמה פלייש**, אַז זיי זאָלן וויסן אין וואָס זיי לאָזן זיך אַריין. מיר האָבן געהערט פון קאַשויער תלמידים אַז דער קאַשויער רב שליט"א איז קעגן עסן בהמה פלייש **פון יעדן סאָרט**, אַפילו דאָס וואָס רופט זיך גאַנץ הייליג. מיר האָבן זיך מטריח געווען צו הערן פון דער ערשטער האַנט און מיר ווילן איבערגעבן בקיצור דעם אינהאַלט פון אַ שמועס מיט כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א, אינמיטן ווינטער תשנ"ו לפ"ק.

**שאלה:** וואָס איז די מיינונג פון רבי'ן ווענגן יענע געוויסע בהמה פלייש, וואָס דאַרף הייסן 100% כשר די שחיטה, ניקור, מליחה, מעג מען עס עסן?

**תשובה: לויט מיין מיינונג זאָל מען נישט זיך צורירן צו בהמה פלייש ביז משיח וועט קומען,** ווייל לויט'ן סדר און סיסטעם היינט צו טאָג, אפילו אַ זאַך וואָס מ'שטעלט איין גוט, האַלט זיך נישט צו לאַנג, און ווען מ'הייבט אָן אַ זאַך ווערט מען שוין משוחד, מ'שפּירט שוין אַז עס פעלט אויס, און נאָך דעם האָט מען אַ מורא'דיגע נגיעה און מ'הערט שוין נישט אַזוי

---

[ו] עי' במטה אפרים הלכות יום הכיפורים סימן תר"ה סעיף ח', וכרתי ופלתי סימן ח"י ס"ק י"ז, ח"א כלל קמ"ד ד', ופרי מגדים אורח חיים סימן תר"ה ס"ק א', ושדי חמד מערכת יום הכיפורים, ודרכי תשובה יורה דעה סימן ח"י ס"ק ע"ז, וישועות יעקב יורה דעה שם סק"ג, שכולם צועקין ככרוכיא על המנהג שנדחקים כל העיר על השוחט ליל ערב יום הכיפורים ומביא להרבה מכשולות, ואשר ע"כ החליטו דיותר טוב לסדר הכל במשך ימי עשי"ת או עד שמיני עצרת, וקצר המצע כאן להציע כל אריכות הדברים, וע"כ אעתיק רק איזה נקודות שהזהירו עליהם.

**א) השוחט יישן היטב בלילה ויהי' רגוע בעת השחיטה בלי תנומה על פניו** (מטה אפרים שם).

**ב) ידקדק אם אפשר ששוחט אחר יראה סכינו** (עי' חתם סופר סי"ג).

**ג) אותן שלוקחים העופות לביתם, ימתינו לראות שבדק השוחט הסכין אחר שחיטת עוף שלהם** (מטה אפרים שם).

**ד) יש להחמיר שלא לשחוט יותר מה' בלי בדיקת הסכין** (פר"ת כ', מנחת יוסף ס"ק פ"ג, דרכ"ת ע"ז).

**ה) אם חתך במפרקת, או נמצא איזה דבר בוושט שנחתך אסור לשחוט בלי י"ב בדיקות** (שמ"ח סי' ח"י סעיף י"ד, תב"ש ס"ק כ"ח, מנחת הזבח בעשרון ס"ק כ"ג, דרכ"ת ס"ק ע"ז).

**ה) יזהרו שלא לשחוט בעזרת נשים שבבית הכנסת, וכן בבית המיוחד לתלמוד תורה לתשב"ר, או בחצר בית הכנסת אם מתפללין בו לפרקים, ובפאליש של ביהמ"ד צ"ע** (עיין פמ"ג סי' י"א סק"א, ובפתה"ד ח"א סי' קנ"א, ובדרכ"ת בתיקונים והוספות דף ב' ע"ב).

**ו) בזמן שהשחיטות מרובות ראוי לנהוג שהשוחטים יראו הסכין אחד לחבירו** (שו"ת חתם סופר יורה דעה סי' י"ג), **ושיעור שחיטה מרובה כל ששוחט מל' עופות ולמעלה** (כן מבואר בספר תואר משה פרק י"ז אות ו').





שנעל ווען עס ווערן נולד חששות. און ווער וועט דען מעורר זיין אויף פראָבלעמען?

די היסטאָריע אין אַמעריקע האָט געוויזן אַז יעדע קורצע תקופה האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מהודר'דיגע זאַך, וואָס איז שנעל אונטערגעגאַנגען. אוסערדעם האָט זיך אַרויסגעשטעלט טאַקע ביי בהמה פלייש, אַז אפילו די מהודר'דיגע האָבן פון דער ערשטער מינוט געהאַט פּראָבלעמען, און טאַקע ערנסטע פּראָבלעמען.

אַ זאַך וואָס אַמאָל אין דער היים איז עס געווען ביטער שווער מיט די קצבים און אַלערליי נסיונות, איז היינט צו טאָג אין אַמעריקע טויזנט מאָל ערגער.

אַפילו אויב מ'זאָל אָננעמען אַז איצט איז אַלץ אין אָרדענונג, **איז ביי מיר ברור אַז עס וועט נישט אָנהאַלטן, עס איז נישט מעגליך**. ליידער קען איך גוט אַמעריקע... און אויב אַפילו איינער איז זיכער אַז ביים קלענסטן פּראָבלעם הערט ער אויף צו עסן דאָס פלייש, קענען אַדורכגיין יאָרן ביז מען דערוויסט זיך פון דעם פּראָבלעם, און דער שאָדן איז שוין געטוהן געוואָרן.

און וואָס וועט זיין מיט די דורות? קען מען עפּעס גאַראַנטירן אַז אויך זיי וועלן זיין פעסט? און ווער וועט זיין אין זייערע צייטן דער שוחט און דער רב המכשיר?

פאָלגט מיך, טייערע אידן, מ'האָט אַזוי פיל יאָרן אויסגעהאַלטן אָן די בהמה פלייש, קען מען ווייטער אויך אויסהאַלטן. עס איז געזונטער פאַר די נשמה און פאַר'ן גוף אָן דעם, און לאָזט דאָס איבער בירושה פאַר די דורות, נישט דאָס פאַרקערטע ח"ו. דער גואל צדק קומט דאָך שוין בקרוב, זאָל מען נישט נאָכלאָזן, און בזכות זה וועט מען זען נחת ביי די קינדער געזונטערהייט.

(עד כאן די ווערטער פון אדמו"ר הגה"צ מקאשוי שליט"א).

עס איז כדאי אַז יעדער יחיד פאַר זיך זאָל גוט דורכטראַכטן דעם תורה'דיגן בליק פון איינעם פון די זקני גדולי דורינו שליט"א, וועלכער האָט אַליין דורכגעלעבט די שווערע פּראָבלעמען פון פלייש אין דער היינטיגער צייט, און די אַלע וועלכע האָבן איבערגעלעבט, זענען פריער אָדער שפּעטער געוואָרן זייער דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס ער האָט זיי און דעם יונגן דור מציל געווען פון חלב, נבילות וטריפות רח"ל יאָרן לאַנג.

**צייט אויף חשבון הנפש:** איז דען כדאי צוליב אַביסל פלייש אויף יום טוב וכדומה איינצושטעלן די יונגע נשמה'לעך, וועלכע האָבן נאָכנישט טועם געווען טעם חטא און איבערצולאָזן ח"ו אויף זיי אַ פּגם, וואָס זאָל פאַר זיי זיין ח"ו אַ שטער ביים שטייגן אין תורה ויראת שמים, אָדער רואינירן ח"ו זייערע איידעלע מידות. נאָך דערצו אין די הייליגע טעג.

לאָמיר נישט פאַרגעסן וואָס עס שרייבט דער הייליגער בעל התניא זי"ע (ליקוטי אמרים פ"ח, וע"ע בבאר מים חיים פרשת שמיני, ובצמח דוד שם) אַז אויב אַ איד עסט אפילו בשוגג אַ זאַך וואָס איז נישט 100% כשר, איז דאָס דאַוועגען וואָס ער דאַוונט מיט דעם כח פון דאָזיגן עסן, "אין החיות שבה עולה ומתלבשת בתיבות התורה והתפילה", דאָס דאַוועגען גייט נישט אַרויף אין הימל.

דאָס איז טאַקע וויכטיג צו דערמאָנען אין די איצטיגע הייליגע טעג, ווען מען בעט אויף אַ גוט יאָר, פּרנסה, געזונט און אידיש נחת וכל טוב, דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די הייליגע ווערטער פונעם בעל התניא זי"ע, אז מען זאָל אויף זיך מקבל זיין צום נייעם יאָר זיך אָפּצוהיטן מיט אַלע מעגליכקייטן פון עסן בהמה פלייש.

לאָמיר זיך ענדערש פאַרנעמען מיט פעסטקייט כאיש אחד בלב אחד נישט אַריינצולאָזן די בהמה-פליישן ביי זיך און מציל זיין זיך און די דורות. דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה, אַ גוט געבענטשט יאָר מיט געזונט, פּרנסה, נחת, ואריכות ימים ושנים.

המעוררים למען כבוד שמים

**ב. ניימאן - ד. איצקאוויטש - ט. ליבערמאן**

◇◇◇







